# פרשת מקץ כ"ד – ל' כסלו תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת מקץ - ערב חנוכה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמשון קנאפלער** הי"ו. בתפלת שחרית עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שלמה גבריאל פליישמאן** ע"ה.

בשעות הערב (ליל א' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. קוטב הדברי תורה נסבו בענין האיסור להשתמש לאורה. ובקושית המפרשים איך הדליקו בשמן נס, הלא אסור ליהנות ממעשה נסים. וחידש **רבינו שליט"א** שבמקדש שאינו נכנע תחת דרך הטבע, ונס וטבע שוין שם, בכי האי גוונא רשאין ליהנות ממעשה נסים, ולכן שפיר הדליקו בשמן של נס, ואין בה איסור הנאה כלל. וביאר בזה כמין חומר נוסח אמירת הנרות הללו וכו'. ולזה מצינו אצל התנאים הקדושים שנהנו ממעשה נסים, ורבי חנינא בן דוסא אמר מי שאמר לשמן וידליק יאמר לחומץ וידליק, כי הצדיקים מקדשים עצמם להיות מרכבה לקדושה, והיכל ה' המה, והנס והטבע שוין אצלם.

*

***יום שני פרשת מקץ - יום א' דחנוכה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **זושא גאלד** הי"ו. **רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית ביחד עם ילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך התקיים מסיבת חנוכה לילדי התלמוד תורה. אחר פרקי שיר וזמירות לכבוד היום, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. עם סיום המעמד עברו כל תלמידי הת"ת לקבל מעות חנוכה מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט היינט געזאגט ביים דאווענען אין על הנסים, כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל להשכיחם תורתך, מלכות יון איז געווען א מלכות וואס האט געזוכט אויסצורייסן יודישקייט פון יודען. זיי זענען אויפגעשטאנען להשכיחם תורתך, זיי האבן געוואלט אז מען זאל פארגעסן די תורה, ולהעבירם מחוקי רצונך, און אוועקנעמען יודען פון צו טון די מצות. ואתה ברחמיך הרבים עמדת להם בעת צרתם, דער אייבערשטער איז ביי געשטאנען פאר יודען, און מען האט געזיגט די מלחמה, ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה, דער אייבערשטער האט געטון א הילף, כהיום הזה, אזוי ווי דער היינטיגער טאג. - מילא אז זיי האבן זיך אויפגעשטעלט להעבירם מחוקי רצונך, זיי האבן געוואלט אויסרייסן די תורה, אז מען זאל נישט האלטן די תורה, און נישט טון די מצות התורה, דאס קען מען שטערן א מענטש. מען קען אים שטערן, איך לאז דיך נישט האלטן שבת, איך לאז דיך נישט טון קיין מצות, דאס קען מען מונע זיין. אבער דאס וואס זיי זענען אויפגעשטאנען להשכיחם תורתך, זיי צו מאכען פארגעסן די תורה, ווי אזוי קען מען מאכן יענעם פארגעסן? א זאך וואס מען געדענקט, געדענקט מען. ווי אזוי קען מען צונעמען א זאך וואס יענער געדענקט, און מאכען אז מען זאל עס פארגעסן, ער געדענקט דאך. ווי אזוי קען זיין להשכיחם תורתך.

**די** תורה איז אבער אנדערש ווי אלע אנדערע זאכען וואס א מענטש געדענקט. יעדע גשמיות'דיגע זאך וואס א מענטש געדענקט, קען עס בלייבן אין זיין זכרון אויף לעולם ועד. אבער תורה איז א קדושה, תורה לערנט מען און מען פארגעסט. מען דארף חזר'ן און נאכאמאל חזר'ן כדי מען זאל עס געדענקען. אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים, למאה פעמים ואחד (חגיגה ט:), אפילו ער האט עס שוין גע'חזר'ט הונדערט מאל איז נישט גענוג. ווען דו וועסט חזר'ן הונדערט און איין מאל, וועסטו עס מער געדענקען. מען זעהט ווען מען לערנט נאך א מסכתא און נאך א מסכתא, מען געדענקט נישט אייביג וואס מען האט געלערנט, מען פארגעסט, ווייל טאמער די קאפ ווערט אנגעפולט מיט אנדערע זאכען, דעמאלטס פארגעסט מען וואס מען האט געלערנט. א כלי וואס איז פול, אז מען לייגט אריין עפעס, גייט ארויס עפעס אנדערש אנשטאטס דעם. תורה איז א קדושה, און קדושה האלט זיך נאר ביי א

יוד, ווען מען פירט זיך ערליך. ווען מען טוט די מצות פון די תורה, מען דינט דעם אייבערשטען, דעמאלטס קלעפט זיך צו די תורה צום מענטש. טאמער דאס פעלט, פארגעסט מען וואס מען האט געלערנט. אז זיי האבן געוואלט להעבירם מחוקי רצונך, זיי האבן געוואלט אוועקנעמען יודען פון די מצות פון די תורה, איז להשכיחם תורתך, האט מען פארגעסן וואס מען האט געלערנט. ווייל מען קען נישט געדענקען וואס מען האט געלערנט, נאר ווען מען פירט זיך ערליך. אבער ואתה עמדת להם בעת צרתם, דער אייבערשטער איז דעמאלטס צוגעשטאנען צו יודען, און זיי האבן געזיגט די מלחמה, און זיי האבן נישט געקענט אוועקנעמען יודען פון די תורה. און אז מען האט נישט געקענט אוועקנעמען יודען פון די מצות פון די תורה, האט מען נישט געקענט מאכען אז יודען זאלן פארגעסן וואס מען לערנט.

**און** די תשועה וואס דער אייבערשטער האט דעמאלטס געהאלפן, איז נישט נאר א זאך וואס איז געווען מיט טויזנט יאר צוריק, און מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף א זאך וואס איז געווען דעמאלטס, נאר יעדעס יאר ווען עס קומט די טעג פון חנוכה, שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס באקומט די זעלבע ליכטיגקייט אזוי ווי עס איז געווען דעמאלטס. יעדע זאך וואס איז דא אין זמן, ווען עס קומט אן די זמן, ווערט עס איבערגע'חזר'ט נאכאמאל. יעדעס יאר חנוכה איז דא א כח אין כלל ישראל וואס טוט מונע זיין יודען פון להשכיחם תורתך, ולהעבירם מחוקי רצונך. די תשועה וואס דער אייבערשטער האט געטון, איז נישט נאר געווען דעמאלטס. די תשועה וואס דער אייבערשטער האט דעמאלטס געהאלפן פאר יודען, דאס איז אויף אלע דורות שפעטער. אין די טעג פון חנוכה ליגט א כח אז א יוד זאל קענען האלטן די תורה, און נישט פארגעסן וואס מען לערנט. וועגן דעם זאגט מען, ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופורקן 'כהיום הזה', די תשועה איז נישט נאר געווען דעמאלטס, די תשועה איז כהיום הזה, היינט אויך. היינט אז אונז האב מיר די כוחות, כאטש מיר זענען אין גלות אזויפיל יארן, פון ווען מען איז פארטריבן געווארן פון ארץ ישראל, און דער בית המקדש איז חרוב געווארן, און וואס יודען זענען אזויפיל אדורכגעגאנגען און מיטגעמאכט אין אלע גליות'ן וואס מען איז געווען, און פון דעסטוועגן דאך שטייט דער כלל ישראל, מען לערנט און מען דאווענט, מען טוט מצות, מען שטעלט אויף יודישע שטובער, דאס אלעס נעמט זיך פון די כוחות וואס דער אייבערשטער האט אונז דעמאלטס געהאלפן, און ער האט אונז געטון א תשועה גדולה, אז מען האט נישט געקענט משכיח זיין די תורה פון יודען, איז דאס א נצחיות אויף שטענדיג. אונז צינד מיר די מנורה, כדי מיר זאלן געדענקען די נסים וואס דער אייבערשטער האט אונז דעמאלטס געטון, שעשה נסים לאבותינו בימים ההם, דער אייבערשטער האט געטון נסים דעמאלטס, בזמן הזה, און עס ווערט איבערגע'חזר'ט בזמן הזה.

**ווער** איז נאך אזוי חשוב ווי יודישע קינדער וואס זיצען און לערנען אין תלמוד תורה א גאנצן טאג. מען דארף נאר געדענקען אז מען זאל נישט צוקומען צו להשכיחם תורתך, אז וואס מען לערנט זאל מען געדענקען. אז מען פירט זיך ערליך, מען איז מקיים די מצות פונעם אייבערשטען, דעמאלטס קלעפט זיך צו די תורה צום מענטש, און מען געדענקט וואס מען האט געלערנט. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען ווייטער פלייסיג לערנען, און געדענקן וואס מען האט געלערנט, און מקיים זיין וואס מען האט געלערנט. דער באשעפער זאל איבערחזר'ן די אלע נסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער האט אונז געטון דעמאלטס, עס זאל אויך זיין בימים ההם בזמן הזה, און אונז זאל מיר זוכה זיין צו צינדען די מנורה אין בית המקדש, ווען משיח וועט קומען, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ברוין שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אברהם יהודא ברוין** ע"ה).

בשעות הערב (ליל ב' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** בענין האיסור ליהנות ממעשה נסים. ובאם במקדש שני קיימו העשרה נסים שנעשו לישראל בבית המקדש. ושיש לומר שהקב"ה המשיך שמן זית ממקומות אחרים לתוך הפך או להמנורה, ובהיות שאין הוייתו בדרך נס, רק שהמשיכום

שם על ידי נס, בזה מותר ליהנות, וכעין מה שמצינו שעניי הכבוד הביאו שמן למאור במדבר לנדבת המשכן. ובזה יבואר שלא היה עליו חשש משום ממשקה ישראל, דזהו רק באיסור שגופו גרם לו, אבל מה שהובא בנס, ראוי להיות קרבן ולהדליקו לגבוה.

*

***יום שלישי פרשת מקץ - יום ב׳ דחנוכה***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר״ר **יהודה כהנא** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז באקאנט די קשיא פונעם **בית יוסף** (או״ח סימן תר״ע) פארוואס מען האט קובע געווען חנוכה אכט טעג, עס איז דאך נישט געווען קיין נס מער פון זיבן, ווייל דעם ערשטען טאג האט מען דאך געהאט דעם פך שמן וואס מען האט געטראפן, איז דאך געווען אויל צו צינדען. די נס האט מען נאר געדארפט האבן אויף די איבריגע זיבן טעג, פארוואס האט מען קובע געווען חנוכה אכט טאג. עס שטייט אין די ראשונים, אזוי ווי די יונים האבן זיך בעיקר פארלייגט מבטל צו זיין דריי מצות, שבת, חודש, און מילה. מילה איז דאך ניתנה לשמיני, האט מען געוואלט מאכען א זכר אז ביי די גזירה פון להשכיחם תורתך האט מען זיך בעיקר פארלייגט אויף די מצוה פון מילה, האט מען קובע געווען אז חנוכה זאל זיין אכט טאג, עס זאל זיין א זכר אויף מצות מילה וואס איז ניתנה לשמיני.

**מען** וואלט געקענט אפשר זאגן נאך א נקודה דעריין, פארוואס מען האט קובע געווען חנוכה אכט טאג, אקעגן די מצוה פון מילה. חנוכה איז געווען צוויי נסים, איינס בעצם די נצחון המלחמה, אז מען האט באזיגט די יונים. זיי זענען געווען א גרויסע מיליטער, און יודען זענען געווען א מתי מספר, אין רש״י אין פרשת וזאת הברכה (דברים לג-יא) איז משמע אז זיי זענען געווען געציילטע יודען מיט די חשמונאים צוזאמען, און דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן גיבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, מען האט געדארפט האבן א נס, אז מען זאל קענען מנצח זיין די מלחמה. נאכדעם איז געווען די נס פון די נרות. נאכדעם וואס מען האט שוין מנצח געווען די מלחמה, דארף מען דאך צינדען די מנורה, און עס איז נישט געווען קיין אויל, האט דער אייבערשטער געמאכט א נס, אז עס איז געווען אויל צו צינדען. קומט אויס, אז מען האט געדארפט האבן צוויי ישועות, איינס אויף נצחון המלחמה, און איינס אז מען זאל קענען צינדען די נרות.

**עס** קען זיין אזביידע זענען פארבינדען מיט מצות מילה. ביי נצחון המלחמה געפונט מען אז דער פסוק זאגט, רוממות א-ל בגרונם, וחרב פיפיות בידם, לעשות נקמה בגוים, תוכחות בלאומים (תהלים קמט-ו). וואס אין מדרש שטייט, אז חרב פיפיות בידם, גייט ארויף אויף מצות מילה, וואס מען נעמט א חרב פיפיות, א מעסער וואס איז שארף פון ביידע זייטן (עיין **בדרך פיקודיך** מצות מילה). דורכדעם וואס עס איז חרב פיפיות בידם, דורכדעם וואס יודען זענען מקיים מצות מילה, האבען זיי א כח לעשות נקמה בגוים תוכחות בלאומים, זיי זאלן קענען מנצח זיין די אויבים. און אז מען האט געוואלט מאכן א זכר אז חנוכה האט מען באזיגט די יונים, האט מען קובע געווען אכט טאג אקעגן מצות מילה וואס איז ניתנה לשמיני, צו ווייזען אז דאס וואס מען האט געהאט דעם כח פון לעשות נקמה בגוים תוכחות בלאומים, האט זיך געשאפען פון מצות מילה וואס יודען האבן מקיים געווען. דאס איז לגבי די נס פון נצחון המלחמה.

**לגבי** די נס פון די נרות, איז בעצם אז עס איז איבערגעבליבן א פך שמן וואס פון דעם זאל קענען נתרבה ווערן די איבריגע נרות, איז דאך אויך געווען א געוויסע נס, אלעס האבן זיי מטמא געווען, און פונקט איין פך שמן האבן זיי נישט מטמא געווען. ווי אזוי איז דאס טאקע געווען, אז עס איז געבליבן איין פך שמן וואס איז נישט טמא געווארן. נאר אויף יעדע זאך וואס ווערט געמאכט בקדושה, איז נישט שולט דערויף קיין רוח טומאה. טומאה קען נאר שולט זיין, ווען עס איז דא א פלאץ וואו עס קען זיך אנטשעפענען א זאך וואס איז נישט קיין קדושה. א זאך וואס איז הויל קדושה, דארט קען זיך נישט אנטשעפענען קיין שום טומאה. דער כהן גדול וואס האט געמאכט דעם פך שמן, און ער האט עס אוועקגעלייגט, איז געווען א מופלג בקדושה. און אזוי ווי ער האט עס געמאכט בקדושה, האט נישט שולט געווען אין דעם קיין יד אויבים. האט געקענט

אויף דעם חל זיין שפעטער א ברכה, אז עס זאל קענען צוקומען דערצו מער וויפיל עס איז געווען.

**די** גמרא זאגט, אז דער פך שמן איז געווען מונח בחותמו של כהן גדול. חותמו של כהן גדול גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה, וצאצאיו חתם באות ברית קודש. ווי אזוי איז געבליבן אז דער פך שמן זאל זיין מונח, אלעס האט מען מטמא געווען און דאס איז געבליבן, ווייל עס איז געווען בחותמו של כהן גדול, דער קדושת המילה וואס איז געווען אינעם כהן גדול האט שורה געווען אין דאס וואס ער האט געמאכט, אז אויף דעם האט נישט שולט געווען קיין טומאה.

**קומט** אויס אז דער גאנצער נס פון נרות האט זיך אויך נאר געשאפען פונעם זכות פון מצות מילה פון דעם חותמו של כהן גדול. וועגן דעם האט מען געוואלט ווייזען א זכר פון וואס דער נס האט פאסירט, האט מען קובע געווען אז חנוכה זאל זיין אכט טאג, אקעגן מצות מילה, ווייל אין דעם וועט זיין נכללביידע. נצחון המלחמה איז געווען אין זכות פון מילה, פון חרב פיפיות בידם לעשות נקמה בגוים, און דער פך שמן וואס מען האט געטראפן איז געווען מונח בחותמו של כהן גדול, דורך די קדושה פונעם כהן גדול. מצות מילה האבן ארויסגעברענגט, אז דורך דעם איז צוגעקומען ביידע נסים פון חנוכה.

*

בשעות הערב (ליל ג׳ דחנוכה) הדליק **רבינו שליט״א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה הקדים **רבינו שליט״א** שבהיות שחל כעת ניט״ל ידבר בדברי אגדה, וקוטב הדברי תורה היו בענין מה שאמרו שחנוכה לא ניתנה ליכתב, ובדברי **היערות דבש** דנס היינו דברים שהם למעלה מן המזל, וביאר בזה בארוכה בדברי נועם.

*

***יום רביעי פרשת מקץ - יום ג׳ דחנוכה***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו הגדול ביחד עם ילדי התלמוד תורה.

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר״ר **מרדכי דוד ראזענבערג** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז באקאנט די קשיא פונעם **בית יוסף** (או״ח סימן תר״ע) פארוואס מען האט קובע געווען חנוכה אכט טאג, דעם ערשטען טאג איז דאך נישט געווען קיין נס, מען האט דאך געהאט א פך שמן, די נס איז דאך נאר געווען די זיבן טעג שפעטער, פארוואס האט מען קובע געווען אכט טאג חנוכה. דער **אליה רבא** (סימן תר״ע) ברענגט צו, אז אזוי ווי מען האט דעמאלטס מבטל געווען חודש, שבת, און מצות מילה, דאס איז געווען די דריי עיקר מצות אויף וואס זיי האבן זיך פארלייגט. מילה איז דאך ניתנה לשמיני, האט מען געוואלט מאכען א זכר אז די גזירה איז געווען אויף מצות מילה, און דורכדעם וואס מען האט מנצח געווען, האט מען ווייטער געקענט מקיים זיין מצות מילה שניתנה לשמיני, האט מען קובע געווען אז חנוכה זאל זיין אכט טעג.

**לויט** ווי מען האט פריער געהערט, איז דער פשט אנדערש. נישט אז מען האט געוואלט מאכען א רמז אויף די גזירה, נאר מען האט געוואלט מאכען א רמז אויף דעם נצחון, דאס וואס מען האט געקענט מנצח זיין די אויבים, איז מכח די מסירת נפש וואס מילה לייגט אריין אין א קינד, און דורכדעם האט מען די כח שפעטער צו קעמפען מיט מסירת נפש. די מסירת נפש וואס זיי האבן געהאט פון מילה, דאס האט צוגעברענגט דערצו אז עס איז געווארן חנוכה.

**מען** קען צוגעבן א נקודה דערצו. מילה ווערט אנגערופן על בריתך שחתמת בבשרנו, א חותם פונעם אייבערשטען וואס דער אייבערשטער לייגט ארויף. ישראל זענען בני מלכים (שבת סז.), מיר זענען קינדער פונעם רבונו של עולם, און א בן מלך האט אויף זיך א חותם אז ער איז א בן מלך, מיר האבן אויך א חותם, אז מיר זענען בני מלכים. די חילוק איז נאר, א חותם וואס א מלך לייגט בדרך כלל ארויף אויף זיין קינד, איז א חותם וואס ער קען עס אראפנעמען ווען ער וויל. ווען עס קומט אים אויס בעסער נישט צו זיין א בן מלך, דעמאלטס נעמט ער אראפ דעם חותם, און ער טוט זיך נישט

אידענטיפיצירן אז ער איז א בן מלך. אונזער חותם איז א חותם וואס וואו מען איז, און וואו מען שטייט, פון ווען מען איז געבוירן געווארן, ביז ער גייט אוועק פון די וועלט, וואו ער וועט זיין, אין וואס פאר א מקום, אין וואס פאר א מצב, און וואס פאר א פאסירונגען עס וועט פאסירן, איז ער אלץ דער זעלבער בן מלך, ווייל עס איז א חותם וואס איז בבשרנו. דער חותם שחתמת בבשרנו לערנט אונז, אז וואו א יוד איז, וואו ער שטייט און וואו ער גייט, עס איז נישט קיין נפקא מינה צו עס איז א זמן וואס עס איז רואיג, צו עס איז א זמן ווען עס איז דא גזירות, דארף ער זיך פירן וואו א ערליכער יוד פירט זיך. און דאס איז געווען דער כח וואס יודען האבן געהאט צו קעמפען אפילו עס איז געווען אין א זמן וואס עס זענען געווען יונים, וואס האבן געוואלט להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך. די מצות מילה וואס זיי האבן געהאט אין זיך האט געלערנט, אז עס איז נישט קיין נפקא מינה איז וואס פאר א זמן מען שטייט, אייביג דארף מען זיין די זעלבע סארט יוד. און זיי האבן געהאט מסירת נפש צו דינען דעם אייבערשטען, האט מען קובע געווען חנוכה זאל זיין אכט טאג אקעגן מצות מילה, צו ווייזען, אז מצות מילה האט אונז צוגעברענגט צו די נס פון חנוכה. דאס וואס א מענטש לערנט זיך אראפ פון מצות מילה, אז א יוד דארף זיין א יוד וואו ער גייט און וואו ער שטייט, אין אלע אומשטענדן, דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז מען האט זוכה געווען צו דעם נס.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן פאר מרדכי דוד אז ער האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו. ביי אים איז עס דאס ערשטע קינד, און ביי זיין טאטן לייבי איז עס דאס ערשטע אייניקל. דער אייבערשער זאל העלפן אי"ה ער זאל זעהן אסאך שמחות און נחת, מיט לאנגע געזונטע יארן. מרדכי דוד קומט פון א שטוב וואו ער האט שטענדיג נאר צוגעזעהן עשיית חסד, צו עס איז בייטאג צו עס איז ביינאכט. עס איז נישט דא קיין שום זאך ביי אונז אין די קהלה, און צווישן די חברים, וואו ער זאל נישט זיין דער ערשטער צו זאגן א גוטווארט, און זיין א מלבין שיניים של חבירו. וואו ער האט א געלעגנהייט יענעם מאכן גוט פילן, איז ער דארט. [עס איז מן הסתם אויפן חשבון פונעם ארבעט אויך, ווייל איך זעה ביי יעדן ברית ווי ער פארעט זיך ארויסצוהעלפן]. זאל אים דער אייבערשטער העלפן אי"ה, אז אין דעם זכות זאל ער זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און מיר זאלן אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך התקיים מסיבת חנוכה לילדי התלמוד תורה. אחר פרקי שיר וזמירות לכבוד היום, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. עם סיום המעמד עברו כל תלמידי התלמוד תורה לקבל מעות חנוכה מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסען די חשובע קינדער און די בחורים פונעם תלמוד תורה, איך האב געהאט א גרויס הנאה צו דאווענען צוזאמען. ב"ה מען האט זייער שיין געדאווענט הויך אויפן קול, מלה במלה, און אזוי דארף מען דאווענען שטענדיג.

**מען** שטייט אין די טעג פון חנוכה, וואס די מצוה פון חנוכה איז צו צינדען די מנורה. פון יעדע מצוה דארף מען זיך אראפלערנען עפעס א געוויסע נקודה וואס איז נוגע פאר א גאנץ יאר, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**די** נס פון חנוכה איז געווען, אז מען האט מטמא געווען אלע אויל, און עס איז נישט געווען קיין שמן טהור אז מען זאל קענען צינדען, און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, אז עס איז געווען שמן טהור, ריינע שמן וואס איז נישט געווען טמא, און מיט דעם האט מען געצינדען. און אלע פרעגן די קשיא, טומאה דחויה בצבור (פסחים פד.), אויב עס איז נישט דא קיין אנדערע אויל, נאר טמא'נע אויל, מעג מען צינדען אפילו טמא אויך, פארוואס האט אויסגעפעלט צו מאכען א נס. דער אייבערשטער מאכט נישט קיין נסים אומזיסט, אז מען קען צינדען די מנורה מיט טמא'נע אויל, פארוואס איז געשען די נס מיטן שמן.

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט אין **פני יהושע**, אז טמא'נע אויל איז טאקע כשר, אבער עס איז נאר דחויה בצבור, עס איז נאר א צווייטע קלאס, ביים

אייבערשטען איז חשוב אויל וואס איז טהור. ווען עס איז דא אמאל וואס עס איז נישט דא, קען מען נוצן טמא אויך, אבער א מענטש דארף נאכגיין צו האבן טהור'ע אויל. דער אייבערשטער האט געמאכט א נס חוץ לדרך הטבע, כאטש מען קען צינדען מיט טמא, אז עס זאל זיין טהור'ע אויל, פאר די ליבשאפט וואס דער אייבערשטער האט ארויס געוויזען פאר כלל ישראל.

**אנצינדען** די מנורה, דאס איז נר מצוה ותורה אור. דאס איז א רמז ווי אזוי א יוד דארף דינען דעם אייבערשטען, ער דארף לערנען תורה, און טון מצות. די מנורה האט מרמז געווען אויף תורה און מצות. דער אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען, אז מען קען לערנען תורה בטומאה אויך, און עס איז אנגענומען ביים אייבערשטען די תורה בטומאה אויך, דברי תורה אין מקבלין טומאה (ברכות כב.), ווי אזוי מען לערנט נאר תורה, האט עס א חשיבות ביים אייבערשטען. אבער נישט דאס איז די ערשטע קלאס תורה וואס דער אייבערשטער דארף. דער אייבערשטער דארף פון אונז תורה בטהרה, זיך פירן ערליך, איידל, און אפגעהיטן, דעמאלטס אז מען לערנט תורה האט עס א חשיבות ביים אייבערשטען. דער אייבערשטער האט געמאכט א נס חוץ לדרך הטבע, אז מען זאל נישט דארפן האבן קיין נר מצוה ותורה אור בטומאה, נאר עס זאל זיין בטהרה.

**און** איך מיין אז מען קען זאגן נאך מער. אפילו טומאה איז דחויה בצבור, איז עס נאר ווען די עבודה האלט שוין אינדערמיט. דער בית המקדש שטייט, און מען טוט די עבודה, און איין טאג האט זיך געמאכט, אז עס איז נישט דא קיין אנדערע אויל, קען מען נוצן טמא'נע אויל. אבער מחנך זיין א נייע משכן, א נייע מקדש, מיט טמא'נע אויל, קען מען נישט מחנך זיין. אז עס איז בטל געווארן די עבודה אינעם בית המקדש, און מען האט געדארפט פון פריש מחנך זיין צו טון די עבודה, חינוך דארף זיין בטהרה, צו חינוך קען מען נישט נעמען קיין טומאה.

**די** יונגע יארן פון א מענטש איז חינוך, אין די טעג ווערט ער נתחנך צו דינען דעם אייבערשטען. אפילו ווען א גאנץ לעבן שפעטער, מאכט זיך אמאל אז מען דארף דינען דעם אייבערשטען בטומאה, דארף ער אויך דינען דעם באשעפער, אבער חינוך דארף זיין בטהרה. **די יונגע יארן וואס מען האט, דארף זיין אפגעהיטן דאס מערסטע וואס מען קען, דאס לייגט א יסוד אויפן גאנצן לעבן, און ווי אזוי מען פירט זיך איידל יעצט, אזוי וואקסט מען אויס דאס גאנצע לעבן. אז מען פירט אדורך די יונגע יארן בטהרה, לייגט מען אראפ א גוטן יסוד אויפן גאנצן לעבן שפעטער.** די תורה האט אונז געלערנט ביי דעם נס פון חנוכה, אז מען קען נישט מחנך זיין בטומאה, חינוך דארף זיין בטהרה.

**און** מיר וועלן גיין מיט א שטאפל ווייטער, ווען מען צינדט ליכט, איז מען מוסיף והולך. מען הייבט אן מיט איינס, און נאכדעם צינדט מען צוויי, דריי, פיר. מען צינדט נישט היינט אזוי ווי מען האט געצינדען נעכטן, און נעכטן האט מען נישט געצינדען אזוי ווי מען האט געצינדען אייערנעכטען. **די עבודה פונעם אייבערשטען חזר'ט זיך נישט איבער יעדן טאג דאס זעלבע,** זונטאג דאווען איך, מאנטאג דאווען איך, און דינסטאג דאווען איך. זונטאג קום איך אין חדר, און דינסטאג קום איך אין חדר. דו טוסט איבער די זעלבע זאך, וואס דו האסט געטון נעכטען. **די עבודה דארף יעדן טאג שטייגען ביי א יוד,** ער דארף זיין א מוסיף והולך, דאס וואס איך האב געטון נעכטען איז געווען גוט פאר נעכטן, היינט בין איך שוין געשטיגן מיט א מדריגה. וואס איך האב געטון נעכטען איז שוין נישט גענוג, איך דארף זעהן צוצוגעבן עפעס. יעדן טאג דארף מען צוגעבן נאך א פרישן נר, נישט איבערחזר'ן וואס דו האסט געטון נעכטען, דאס האב איך היינט אויך געטון. **א יונגעל דארף זיך פרעגן סוף פונעם טאג מיט וואס בין איך היינט אנגעקומען מער פון וואס איך האב געהאט נעכטען. איינער וועט ענטפערן איך קען א משנה מער, איינער וועט ענטפערן איך קען א בלאט גמרא מער. איינער וועט זאגן מיין דאווענען איז געווען שענער היינט, מיין מצוה וואס איך האב געטון איז געווען אין א העכערע מדריגה פון נעכטען,** אבער א יוד דארף זיין א מוסיף והולך, קיינמאל זיך נישט באגענוגען אז וואס איך האב געטון נעכטען איז היינט אויך אזוי גוט, היינט דארף זיין אנדערש. נעכטען האב איך געצינדען איין ליכט, מארגען צינדט איך צוויי, איבערמארגען דריי, אזוי דארף מען זיין א מוסיף והולך.

**נאך** א נקודה. וואו צינדט מען די חנוכה ליכט? על פתח ביתו מבחוץ, אזוי איז געווען אמאל די תקנת

חז"ל, מען האט געצינדען אינדרויסן. קיין שום מצוה טוט מען נישט אויף די גאס, יעדע מצוה טוט מען ביי זיך אין שטוב, פארוואס האט מען דא געצינדען אינדרויסן אויף די גאס. ווייל די יונים האבן געוואלט אוועקנעמען פון אונז די תורה, און אפילו בשעת עס איז געווען די גזירות, האט מען אין שטוב געקענט דינען דעם אייבערשטען, מען האט נישט געשטערט, מען איז נישט אריינגעקומען אין שטוב יעדע מינוט קוקען וואס ער טוט, אויף די גאס האט מען נישט געקענט טון קיין שום מצוה, אבער אין שטוב האט מען זיך געקענט באהאלטן. עס איז טאקע געווען א גזירה להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, ווען מען האט געטראפן א יוד טון א מצוה האט מען אים גע'הרג'ט. און מען איז נישט געווען מחוייב זיך צו הרגענען אויף א מצוה, אויסער אויף די דריי עבירות.

**קומט** אויס, אפילו ווען די יונים זענען געווען, האט מען אויך מקיים געווען מצות, מען האט זיך נאר באהאלטן אין שטוב, און מען האט מקיים געווען מצות. ווען דער אייבערשטער האט געהאלפן און מען האט געזיגט די מלחמה, און מען קען שוין טון די מצות אפענערהייט, האבן זיי מתקן געווען אז מען זאל צינדען די נר מצוה ותורה אור אינדרויסען על פתח ביתו מבחוץ. דאס איז צוגעקומען דורכן נס, אז מען קען דינען דעם אייבערשטען אינדרויסן.

**און** דער אייבערשטער האט געמאכט א נס דערויף, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען אינדרויסן. עס איז נישט גענונג אז אין שטוב פירט מען זיך ערליך, אין די שטוב פירט מען זיך איידל, אבער ווען ער גייט ארויס אויף די גאס וויל ער נישט זיין אנדערש ווי דער גוי, ער וויל אויסקוקען ווי דער גוי, ער וויל נישט אז עס זאל זיין קענטיג אז ער איז א יוד. מען דארף אנצינדען די נר מצוה על פתח ביתו מבחוץ, **עס איז נישט גענוג וואס אין שטוב פיר איך זיך ערליך, אין חדר בין איך ערליך, נאר אפילו ווען דו גייסט ארויס אויף די גאס, שעם דיך נישט מיט דיין יודישקייט, ווייז ארויס איך בין א יוד, די זעלבע מצות וואס איך האב געטון אין שטוב, טו איך אויף די גאס.** דאס קומט אונז צו לערנען די מצוה פון חנוכה.

**ב"ה** מען רעדט צו קינדער וואס זיצען און לערנען, דאס גאנצע לעבן געבן זיי אוועק על התורה ועבודת ה', פון צופרי ביז ביינאכט זיצט מען באהלה של תורה. ווען עס קומט חנוכה איז מען מוסיף והולך, מען לערנט זיך אראפ דערפון, אז די עבודה פון א יוד דארף זיין בטהרה, זיך נישט באגנוגען וואס ער דינט דעם אייבערשטען בטומאה. מען דארף זיין א מוסיף והולך, יעדן טאג צוגעבן עפעס מער. עס לערנט אונז אז מען דארף נישט טון די מצות נאר אין שטוב, נאר מען דארף עס טון על פתח ביתו מבחוץ, אינדרויסן פונעם שטוב.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען אויסוואקסן אויף דעם וועג, ערליך מיט יראת ה'. די חינוך זאל זיין בטהרה, די יונגע יארן וואס מען האט זאל מען אויסנוצן פאר עבודת ה'. דער אייבערשטער זאל אונז אויסלייזן פון דעם גלות, און מיר זאלן זוכה זיין צו צינדען די מנורה אין בית המקדש, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב (ליל ד' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** את אמריו בענין הנאה ממעשה נסים, ובדברי **החיד"א** שהקב"ה התיר לישראל ליהנות מהמ"ן שירד להם שהיה מ'עשה נ'סים, ולזה אמר הנני ממטיר 'לכם' לחם מן השמים. ובדומה לזה יש לומר אצל שמן להדלקת המנורה, שהובא במשכן מגן עדן בדרך נס כמו שכתוב בתרגום יונתן, והכתוב התירו באמרו ויקחו אליך שמן זית זך שמותר להשתמש בו, והוסיף בזה להעלות נר 'תמיד' שיהא מותר לדורות להשתמש בשמן נס למנורה.

עוד ביאר בזה, דיש לומר על פי דברי רש"י (תענית כד.) דטעם שאסור ליהנות ממעשה נסים הוא, לפי שמנכין לו מזכיותיו, והכוונה דמזלזל בטובתו של מקום, דיפה שעה אחר בעולם הבא, והוא מוכן לוותר על שכרו בעולם הבא עבור בצע כסף שנזדמן לו בנס. אולם קדושי עליון שמשיגין שיפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא, אדרבה הם מוכנים לוותר על חלקם לעולם הבא כדי לעשות נחת רוח להשי"ת, ואינו מזלזל בשכר עולם הבא, רק שמחליפו בדבר ששוה יותר, ולכן להם מותר ליהנות ממעשה נסים. ולכן כיון שהנס נעשה על ידי 'כהניך הקדושים' הותר להם להדליק בשמן נס במקדש.

**_יום חמישי פרשת מקץ - יום ד' דחנוכה_**

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ברייער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **יעקב שלמה ברייער** הי"ו).

בשעות הערב (ליל ה' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** בענין הנס שנעשה לישראל במדבר, שהענני הכבוד הביאו שמן למאור למשכן, ובהיות שענני הכבוד היו בזכותם של משה ואהרן (תענית ט.), לכן הציווי לקיחת השמן היה על ידי משה 'ואתה' תצוה, ונדלק על ידי אהרן הכהן העומד לשרת במקדש. ובהיות ששמן חנוכה היתה של שמן המשחה כמובא **בש"ך** (על התורה), ששורשו מכח משה ואהרן, שפיר יחסו הנס שנעשה על ידי 'כהניך הקדושים' משה ואהרן בכהניו. ולכן בהיות שנס זה בא בהמשכה ממעין הישועה שנפתח לישראל במדבר, באופן כזה מותר ליהנות ממעשה נסים, שאולי אין מנכין מזכיות בנס שממשיכין שנית. עוד זאת בהיות שבנס מפורסם אין מנכין מזכיות (**ישועות יעקב** סימן תרפ"ב), על כן מותר גם ליהנות ממעשה נסים שנתקדש על ידו שם שמים.

עוד ביאר בזה, על פי מה שאמרו חז"ל (קידושין מ.) שכל שבא לידו דבר ערוה וניצל הימנו עושין לו נס. ואם כן יש לומר שהנס שזכו בו ישראל בימי היונים, בא להם כחלק משכר מצוה שפסקו להם, בעת שפשטו היונים בממונם ובבנותיהם (**רמב"ם** הל' חנוכה ג-א), וגזרו להבעל להגמון תחלה, ובהיות שכהניך 'הקדושים' גדרו עצמם מן הערוה ומסרו נפשם עבור קדושת ישראל, נעשו להם נסים הללו, ומהם ניתן ליהנות שהגיע להם כשכר מצוה.

*

**_שבת קודש פרשת מקץ - יום ו' דחנוכה_**

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הרב **ברוך אייכענשטיין** שליט"א.

בקריאת התורה התקיים שמחת העליה לתורה של בן הר"ר **ברוך הערשקא** ני"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.